טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר השתדלות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 132 | פנחס - מטות מסעי תשפ"ד לפ"ק


# וויאזוי צו ניצן ריכטיג די עצה פון לימוד התורה

## בראתי יצר הרע, בראתי תורה תבלין כנגדו | חלק ב

אין דעם ערשטן טייל פון דעם מאמר איז דערמאנט געווארן, וואס די ספרים הק' לערנען אונז, איבער דעם געוואלדיגן כח וואס 'לימוד התורה' פארמאגט, צו העלפן א איד זיך צו שטארקן אויף זיינע נסיונות.

די זאך פון עוסק זיין בלימוד התורה ארבעט סיי **בדרך סגולה**, אז די קדושת און פנימיות פון דער תורה הק' שיינט אריין א **ליכטיגקייט אין דער אידישער נשמה**, אז ער זאל האבן די כוחות קעגן דעם יצר הרע; אז **ער זאל ווערן דערהויבן**, און ער זאל זיין א העכערער איד וואס איז דערווייטערט פון שלעכטע רצונות.

אויסערדעם, איז לימוד התורה הק' אן אויסטערלישער עצה אפילו בדרך הטבע, ווייל **דער קאפ איז פארנומען** מיט עפעס העכערס, **דער מח איז אנגעפולט מיט דברי תורה** און **דאס הארץ איז זאט פון תענוג און שמחה** וואס די תורה ברענגט, אזוי אז דער מענטש זוכט ניטאמאל צו באקומען תענוג פון אנדערע פרעמדע זאכן. ספעציעל איז דאס אזוי ווען מען איז זוכה צו 'ליגן אין לערנען' דורך לימוד התורה מיט אן עיון און מיט א געשמאק, וואס דאס באגלייט דעם מענטש אזוי שטארק.

ז

## שאלו לחכמה; די שוועריגקייט ווען צומאל דאכט זיך אז ס'העלפט נישט די עצה

צומאל, ווען מענטשן הערן איבער די עצה פון לימוד התורה אלס דער וואפן קעגן נסיונות, קומט ארויף א קשיא אין מח וואס לאזט דאס נישט אננעמען בפשטות, ווייל מען האט דערויף א פירכא פונעם מציאות וואס מ'זעט מיט די אויגן. אנדערע שפירן די שאלה הונטער זייער באוואוסטזיין און זיי כאפן ניטאמאל אז דאס איז למעשה די סיבה פארוואס ס'קומט זיי אן שווער צו נוצן די עצה פון לימוד התורה, כדי צו האבן די כוחות פאר דעם מלחמת היצר.

דער מענטש פרעגט זיך אין געדאנק אז מיט אן אביעקטיוון בליק, איז דאס נישט ממש אזא גאראנטירטע הבטחה, ווייל אויבנאויף העלפט נישט אלעמאל די עצה אזוי וואונדערליך; די תורה איז דאך נישט אלעמאל פאר אים א וואפן קעגן דעם יצר הרע?!

ריכטיג אז פון איין זייט זעט מען עס בחוש, וויאזוי אידן וועלכע לייגן זיך אריין אין לערנען ווערן באמת שטארק דערהויבן. מ'זעט באשיינפערליך וויאזוי די תורה האט ממש א כח צו טוישן דעם מענטש'נס לעבן **לטובה**. אידן וואס לערנען מיט אן ערנסטקייט ווערט זייער יראת שמים שטארקער, זייער קדושה און ריינקייט ווערט גרעסער, די תורה הייבט דעם מענטש צו ווערן אן ערליכער איד, יעדער אין זיין מדריגה. אזש אז גאר אסאך מאל שרייט זיך פשוט ארויס דער 'המאור שבה מחזירו למיטב', זעענדיג וויאזוי דער תבלין התורה


זכות הפצת הגליון
נתנדב ע"י
הר"ר שמואל אהרן דינגער הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו נ"י
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב והזיווג יעלה יפה ויזכו לבנות בית נאמן בישראל אמן

זכות הדפסת הגליון
נתנדב ע"י
הר"ר ישראל אברהם וויינפעלד הי"ו
לע"נ רבינו חיים בן משה זי"ע
האור החיים הק - יארצייט ט"ו תמוז
לע"נ הרה"ק רבי אברהם דוב ב"ר משה זי"ע
הבת עין - יארצייט י"ב כסלו
לע"נ הרה"ק שלמה בן רבי בן ציון זי"ע
מבאבוב - יארצייט ר"ח אב
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

זכות גליון שנגדל
נתנדב לזכות
שלמה בן שרה
לזכות שמירת עינים והצלחה בכל עניינים
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן


## תוכן הגליון


תורה תבלין ח"ב ............ זייט 1-11
יאמרו המושלים ............ זייט 11




יעדער ווערט א 'מְזַכֶּה'!

ארבעט אזוי וואונדערליך.

אבער פון דער אנדערער זייט, קען מען נישט לייקענען דאס מציאות, אז ס'איז צום באדויערן פאראן צופיל מענטשן וועלכע לערנען טאקע, אבער **זיי זעען דערווייל נישט קיין פארבעסערונג מיט זייערע נסיונות היצר**. זיי טרעפן נאכנישט די שטארקייט וואס די תורה וואלט זיי געדארפט געבן.

## פארוואס ארבעט דאס נישט אלעמאל?!

דאס קען זיך טרעפן אויך ביי מענטשן וועלכע פלאגן זיך מיט נסיונות און זיי האבן אפילו א רצון זיך צו שטארקן אויפ'ן יצר הרע, דערפאר פרובירן זיי צו נוצן די עצה פון לימוד התורה, אבער **צומאל טאפן זיי א וואנט**. זיי האבן די הרגשה אז ביי זיי ארבעט דאס נישט. זיי בלייבן ווייטער אין דעם זעלבן לאך ווי בעפאר.

אנדערע שפירן אז אודאי ווירקט יא די תורה אויף זיי, אבער זיי האבן דעם געפיל אז ס'איז נאך ווייט פון וואס **חכמינו ז"ל** האבן מבטיח געווען איבער דעם וואונדערליכן כח התורה מיט די אלע הבטחות פון 'אם אבן הוא נימוח', 'אם ברזל הוא מתפצץ', 'אם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו', א.א.וו.

דער מענטש קוקט זיך אן אז ער איז נאך פעסט פארנומען זיך צו ראנגלען מיט'ן יצר. ס'איז טאקע דא צייטן ווען ער שטארקט זיך, אבער צומאל פאלט ער אויך דורך. למעשה האלט עס נאך זייער ווייט פון א מציאות אז דער יצר הרע זאל זיין איבערגעגעבן אין זיינע הענט.

און עס פרעגט זיך די שאלה: **פארוואס טאקע ארבעט נישט די רפואה בשלימות?!**

אודאי איז פאראן אן בולט'ער חילוק צווישן א מענטש וואס לערנט בכלל נישט, און איינער וואס לערנט יא; אודאי זעט מען אסאך מאל וויאזוי די תורה העלפט ממש בחוש; אבער פארט: **וויאזוי קען מען טאקע מאכן אז די תורה זאל האבן נאך א שטארקערן כח צו איבערדרייען א איד?!** וויאזוי קען אונז די תורה פולקאם טוישן צו לעבן העכער און זיין אפגעשאקלט פון אלע נארישקייטן?!

## אונזערע צדיקי אמת אדרעסירן די קשיא

אט די פראגע איז אייגנטליך נישט קיין נייע קשיא. מיר געפינען שוין אין די ספרים הק' אז זיי געבן זיך אפ דאס צו ערקלערן און מסביר זיין פארוואס דאס איז טאקע אזוי.

נאכמער, די ספרים שרייבן נאך שארפער, אז מ'קען אמאל זען ממש דער היפוך, אז געוויסע למדנים ווערן נכשל מיט הארבע עבירות רח"ל, און דאס לערנען ברענגט זיי נישט צו קיין שום ערליכקייט און יראת שמים. וואס לכאורה שטעלט זיך די פראגע: וויאזוי קען אזא זאך זיין?!

די תשובה דערויף ווערט זייער קלאר און ברייט אויסגעשמועסט מפי ספרים וסופרים, און אין די ווערטער פון די ראשונים כמלאכים רבותינו הק' זי"ע, וועלכער שטעלן אראפ די יסודות'דיגע נקודות, 'וויאזוי' און אויף 'וואס פארא אופן' עס ארבעט טאקע די עצה נפלאה צו מקדש זיין א איד.

ס'איז וויכטיג דאס אפצולערנען מיט א ישוב הדעת, ווייל ווען מיר וועלן דערהערן אט די יסודות וועלן מיר וויסן וויאזוי צו ריכטיג לערנען די הייליגע תורה, אויף אזא אופן אז ס'זאל אונז טאקע העלפן פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, און ס'זאל אונז אויפהייבן זיך צו קענען מתגבר זיין מער און שטארקער.

ח

# זכה נעשה לו סם החיים; עס ווענדט זיך 'וויאזוי' מען לערנט

## יעדע רפואה קומט מיט 'אנווייזונגען'

די ערשטע און יסודות'דיגע כלל וואס איז מבואר אין ספה"ק, איז באזירט לויט דעם פשוט'ן מציאות וואס מיר זעען אין דער גשמיות'דיגער וועלט, אז **יעדע מעדיצין אדער היילונגס מיטל, פארמאגט גענויע און דעטאלירטע אנווייזונגען**, וויאזוי די רפואה ארבעט און אויף וועלכע סארט אופן מ'זאל דאס נוצן.

ווען א דאקטער פארשרייבט סיי וועלכע רפואה, קומט דאס באגלייט מיט פונקטליכע אינסטרוקציעס, סיי בכמות: 'ווען', 'וויפיל' און 'וויאזוי' דאס צו נעמען. און סיי באיכות: ווי שטארק ס'זאל זיין די דאזע מעדיצין. וואס בלויז דורך די אנווייזונגען וועט די רפואה ריכטיג ווירקן צו היילן די מחלה בעז"ה.

געווענליך וועט א רפואה פאר א גרעסערע מחלה האבן מער אנווייזונגען און א קלענערע מחלה וועט האבן ווייניגער דעטאלן. אבער דער 'צד השוה' דערפון איז אז אויב דער מענטש וועט נישט נעמען די רפואה לויט די פארשריפטן וועט דאס נישט ארבעטן ריכטיג צו היילן בשלימות. צומאל קען דאס חלילה נאך ברענגען דאס פארקערטע און ערגער מאכן די לאגע.

גענוי דאס זעלבע איז אקטועל ווען א איד וויל אז די תורה הק' זאל אים העלפן און אויסהיילן פון זיינע 'חולי הנפש' - די שווערע נסיונות היצר.

אונזערע הייליגע חכמים, די אמת'ע רופאי הנפשות, האבן אונז געגעבן **זייער קלארע אנווייזונגען 'וויאזוי' און אויף 'וואס פארא' אופן די תורה דארף געלערנט ווערן**, כדי אז ס'זאל ברענגען די רעזולטאטן צו דערלייכטן די נשמה העכער די שלעכטע רצונות וואס דער יצר שלאגט פאר פאר'ן מענטש.

**חכמינו ז"ל** זאגן אונז שוין (שבת סג., פח:, יומא עב.): "**דברי תורה יש בה להמית ולהחיות... למימינין בה סמא דחיי, למשמאילין בה סמא דמותא**". די תורה האט אין זיך ביידע אייגנשאפטן. עס קען זיין א מעדיצין פון לעבן צו ארייננבלאזן א חיות פאר'ן מענטש, און ס'קען אויך חלילה זיין דאס פארקערטע, אויב מ'נוצט דאס נישט לויט די ריכטיגע פארשריפטן. ווייל נישט יעדע סארט לימוד התורה האט דעם זעלבן כח קעגן דעם יצר הרע. **ס'ווענדט זיך גאר שטארק 'וויאזוי' מען נוצט די רפואה, סיי בכמות און סיי באיכות.**

## די כמות פון לימוד התורה מאכט א גרויסן חילוק

מיר ווייסן אלע אז די תורה קען געלערנט ווערן אויף אסאך סארט מהלכים. צום אלעם ערשטן איז אודאי א גרויסע דיפערענץ **וויפיל צייט מען גיט אוועק פאר לימוד התורה**. מ'קען לערנען א שעה אדער עטליכע שעה, א בלאט אדער עטליכע בלאט, א.א.וו. און ווי פארשטענדליך מאכט דאס א גרויסע נפקא מינה אויף למעשה. **ווען א איד לערנט מער שעות, באקומט ער שטארקערע כוחות פון דעם 'בראתי תורה תבלין'.**

אין דעם כלל איז אויך נכלל ווי שטארק ס'איז דער 'קביעת עתים'; **וויפיל מ'איז נזהר נישט צו פארפאסן די באשטימטע זמנים פון לערנען**; און וויפיל מ'איז גרייט אוועקצוגעבן פאר'ן לערנען בשעת עס קומט אן שווער. ווייל וויפיל גרעסער די 'דאזע' פון דעם מעדיצין איז, אזויפיל מער קען מען האפן אז די רפואה זאל טאקע ארבעטן.

## די איכות פונעם לערנען פאבריצירט דעם 'סם החיים'

נאכמער איז פאראן א נפקא מינה אין דעם 'איכות' פון דעם לערנען. ס'איז א גרויסער עיקר **וויפיל דער קאפ איז אריינגעטון אין דער תורה**, וויפיל יגיעה ווערט אינוועסטירט אינעם לערנען און וויפיל מען פלאגט זיך צו פארשטיין וואס מען לערנט.

דאס זעט מען טאקע אין דער **גמרא**, ביי דעם מאמר חז"ל (שבת פח:) אז די תורה קען ווערן א 'סם החיים', לייגט **רש"י** צו אז דאס איז בלויז ווען ס'איז: **'יגיעין בה כל צרכן וטרודים לדעת סודה'**! ווען מען פלאגט זיך צו פארשטיין וואס מען לערנט, דעמאלט ווערט די תורה א סם החיים!



יעדער ווערט א 'מְזַכֶּה'!

## אלעם איז געוואנדן אין די צוגאנג ביים לערנען

אבער מער פון אלעם, מאכט דאס מערסטע אויס: **'די כוונה פון דעם לימוד התורה'**. די עיקר מעדיציין פון דער תורה איז תלוי אין איין זאך: וואס איז די ציל און דער צוגאנג פון דעם מענטש בשעת ער לערנט; **וויפיל מיינט ער דעם רבוש"ע און נישט זיינע אייגענע אינטערעסן;** וויפיל איז טאקע זיין מטרה אז די תורה זאל אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג; מיט וויפיל יראת שמים לערנט ער און וואס האט ער אינזין ביים לערנען.

ווי פארשטענדליך איז ביי די אלע אויבנדערמאנטע תנאים פארהאן גאר אסאך דרגות, און דאס איז אן עבודה אויפ'ן גאנצן לעבן, אבער מיט יעדעס ביסל מער וואס א איד רוקט זיך העכער אז זיין תורה זאל טאקע זיין לויטער און ערליך, **אלץ מער וועט ער דורכדעם באקומען די קדושת התורה'דיגע כוחות הנפש** זיך צו שטארקן אויף אלע ארומיגע נסיונות, און אלץ מער וועט ער געניסן פון די לעכטיגע כוחות וואס די תורה שיינט אריין פאר דער וואס לערנט איר.

יעדע קלענסטע דרגא פון שטייגן העכער אין דעם כמות, איכות, און כוונה פון לימוד התורה, ברענגט **א נייעם כוח קעגן די נסיונות היצר!** וויפיל מער צייט און התמדה מען לייגט אריין **'בכמות'**; וויפיל מער הארץ און מח מען אינוועסטירט מיט א יגיעה אין תורה **'באיכות'**; און בעיקר: וויפיל ריינער ס'איז די **'כוונה'** און די מחשבות ביים לערנען - אזויפיל מער איז מען מקושר צו די תורה הק' און אזויפיל מער באקומט מען דעם 'תורה תבלין' אויף א שטארקערן פארנעם!

ט

# תורה לשון מורה; לערנען מיט דער כוונה אז די תורה זאל אונז דערלייכטן

## די תורה שיינט אריין אין דער אידישער נשמה

אין ספה"ק **מאור עינים** שטייט עטליכע מאל, אז מיר זעען מיט די אויגן געוויסע לומדי תורה וועלכע קענען זאגן שיינע פלפולים, אבער זיי זענען ווייט פון יראת ה' און פון עבודת ה', **דער יצר הרע איז נאך ביי זיי גאנץ**. ס'ווערט נישט נתקיים ביי זיי דאס וואס חז"ל זאגן: 'בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין, אם אבן הוא נימוח'.

זאגט דער הייליגער מאור עינים[1] אז דאס איז וויבאלד די טייטש פון תורה איז נישט ווען מ'לערנט א שיינעם לימוד פון הלכות, קשיות מיט תירוצים. דאס ווארט תורה איז א לשון פון א 'וועגווייזער'! **די תורה ווייזט דעם וועג פאר'ן איד**, וויאזוי ער זאל זיך צו פירן אין זיין גאנצן סדר החיים.

די תורה איז א וועגווייזער, נישט בלויז ווייל אין די תורה שטייט די תרי"ג מצוות וויאזוי א איד דארף זיך פירן זיין גאנצן לעבן, נאר ווייל **די תורה הקדושה פארמאגט א באהאלטענער הייליגער כח, צו אריינשיינען א קלארקייט אין דער נשמה פון א איד**. עס ווייזט אים א וועג וויאזוי ער זאל זיך פירן אין אלע מצבים און עס גראדט אים אויס די מחשבות און רצונות זיך צו קענען מדבק זיין אין דעם רבוש"ע.

## לימוד התורה העלפט אויב ס'איז מיט א גוטע מחשבה

זאגט דער מאור עינים: אויב א מענטש איז עוסק בתורה, בלויז ווי א געשמאקער לימוד און ער לערנט נישט מיט דער כוונה צו 'הערן' וואס די תורה רעדט צו אים, **אזא מענטש וועט טאקע נישט ריין ווערן פון דעם יצר הרע** און ער וועט ווייטער נכשל ווערן חלילה.

אויב אבער מען לערנט יא מיט דער כוונה אז מ'וויל הערן וואס די תורה לערנט אונז, דעמאלט וועט מען יא זוכה זיין צו דער הבטחה אז דער יצר הרע זאל צעבראכן ווערן.

אזוי שטייט טאקע אין **זוהר הקדוש**[2] אז ווען א איד לערנט תורה, דעמאלט איז אים די תורה מודיע אלע זיינע חסרונות. אבער **נישט אויף א וועג פון דינים חלילה, נאר ווי א מאמע וואס ערקלערט פאר איר קינד מיט ווייכע רייד!** - א איד קען זוכה זיין צו באקומען די הארציגע מוסר פון דער תורה, אויב ער איז זוכה צו לערנען אויפ'ן ריכטיגן וועג.

## מיר דארפן כאטש וועלן געהאלפן ווערן

די הייליגע ווערטער פון דעם מאור עינים גיבט אונז א קלארקייט, צו פארשטיין וויאזוי עס ארבעט די עצה פון 'לימוד התורה' קעגן די נסיונות היצר. ס'איז נישט פשט אז ווען מ'לערנט תורה וועט פלוצלינג דער יצר הרע אנטלויפן. נאר עס ארבעט אויף אן אופן אז **די תורה הק' רעדט און לערנט אויס דעם מענטש**; עס גראדט אים אויס דעם קאפ צו טראכטן ריכטיג; עס מאכט אים ליכטיג די נשמה אז ער זאל וויסן וויאזוי זיך צו פירן און וויאזוי צו בייקומען די נסיונות.

און ווי דער מאור עינים זאגט, קען דאס פאסירן **בלויז אויב די כוונה פון דעם מענטש איז טאקע אז די תורה זאל אים דערהייבן און ווייזן דעם וועג**. די תורה קען אונז העלפן אין דעם מלחמת היצר, **דוקא ווען מען לערנט מיט דעם תכלית, אז מ'וויל הערן וואס די תורה לערנט אונז**, און מ'וויל אז די תורה זאל אונז העלפן דינען השי"ת און זיך שטארקן אויף די נסיונות. אבער אויב מען לערנט נישט מיט דעם כוונה, דעמאלט איז דא שוואכע שאנסן אז מ'זאל ווערן בעסער פון זיך אליינס..

## ווען מגייט צום דאקטער אבער מהערט נישט

משל למה הדבר דומה: עמיצער האט זיך שטארק געפלאגט מיט א געוויסע שוועריגקייט אין נפש. ער האט לאנג געזוכט ווער עס קען אים העלפן. ביז מען האט אים רעקאמאנדירט אז אויב וועט ער גיין צו א געוויסן מומחה וועט אים יענער שטארק העלפן ארויסצוקריכן פון אלע פראבלעמען.

דער מענטש הערט דאס, און באשליסט אז וואס האט ער דען צו דערלייגן?! אומר ועושה. ער קומט אן צום דעם ספעציפישן מומחה און יענער הייבט אים אן זאגן עצות און הדרכה וויאזוי ער זאל זיך אומגיין כדי צו פטור ווערן פון זיינע שוועריגקייטן, בעזה"ה.

אבער דער מענטש האט נישט פונקטליך געכאפט וואס מ'וויל פון אים דא. ער איז נישט אהערגעקומען כדי צוצולייגן אזויפיל קאפ און באקומען פרישע היים ארבעט... און ער האט טאקע נישט צופיל אויסגעהערט וואס דער מומחה האט אים געזאגט. זעלבסט פארשטענדליך אז ער קיין זאך האט זיך נישט געריקט צום בעסערונג און ער איז געבליבן אין דעם זעלבן מצב ווי בעפאר.

## לאמיר צולייגן אן אויער צו די רייד פון דער תורה הק'

ממש געגוני דאס זעלבע שפילט זיך אפ מיט אונזער לימוד תורה הק': **ווען א איד לערנט תורה דאן רעדט**

**1.** פרשת יתרו: "מאמר רז"ל בראתי יצר הרע בראתי תבלין שהיא התורה, ואמרו עוד אם פגע בך מנוול זה וכו' אם אבן הוא נימוח וכו'. והנה **עינינו רואות כמה אנשים לומדי תורה בפלפול גדול והמה רחוקים מיראת ה' ומעבודתו**, והיצר הרע שלם אצלם שלא נימוח ולא נתפוצץ כלל, אבל באמת דבר ברור הוא שגם תורה אין להם, **שאף על פי שלומדים אין נקרא אצלם 'תורה', כי בחינת מה שנקרא תורה להיותה מורה דרך לעבדות ה' יתברך ונותנת עצה לדבקה בה' יתברך לא לזולתו, והם אינם לומדים לכוונה זו** ואדרבה המה מתפארים בה ומערבים טוב ברע... **שהתורה הוא מורה דרך, וצריך כל אחד בעת לימודו לשמוע בקול מורה דרך שבה, להורות לו איך יתנהג בתורתו ועבודתו**... ועל כוונה זו אמר הכתוב (משלי כח, ט) 'מסיר אזנו משמוע תורה', דהוי ליה למימר מסיר פיו מללמוד תורה, אבל לפי מה שאמור אתי שפיר, שכל אדם יטה אזנו לשמוע בלימודים שלומד לשמור



**צו תורה צו זיין נשמה, צו זיין הארץ און מח.** דאס קומענדיגע מאל וואס דער איד וועט זיך טרעפן מיט א נסיון האט אים די תורה אריינגעשיינט וויאזוי זיך צו קענען מתגבר זיין אויף דעם נסיון!

די פראבלעם ווערט אבער, ווען מ'איז נישט דא צו דערהערן וואס די תורה זאגט אונז. **מען לערנט פאר אלע אנדערע סיבות, אבער נישט פאר דעם אמת'ן תכלית,** וואס דעמאלט קען די תורה חלילה נישט איבערדרייען דעם מענטש צום גוטן.

## די ערשטע הקדמה בעפאר'ן לערנען

מיר געפינען טאקע אז דער **של"ה הק'** האט מסדר געווען א קורצן נוסח, וואס מ'זאל זאגן איידער מ'זעצט זיך אוועק לערנען. דער נוסח איז היינט אריינגעדרוקט אין אנהויב פון אלע גמרות, און דער לשון דערפון איז: **"הנני רוצה ללמוד כדי שיביאנו התלמיד לידי מעשה ולידי מידות ישרות וכו'"**.

אין דעם נוסח שטעלט אונז דער של"ה הק' אראפ דעם ריכטיגן מהלך פון א איד צו תורה, אז אז נאך איידער ער זעצט זיך לערנען זאל ער קלאר ארויסזאגן זיין כוונה: **"איך וויל יעצט לערנען כדי דאס זאל מיר ברענגען צו מקיים זיין די תורה, און צו אויסגראדן מיינע מידות"**.

און ווען א איד גייט צו צום לערנען מיט אט די ריינע מחשבה, דריידט ער איבער דעם גאנצן לימוד התורה צו אסאך א העכערע בחינה! **אזא תורה וועט אודאי אריינשיינען א געוואלדיגע טהרה אין זיין נפש און ס'וועט אים אויסלייטערן**, ווי עס האט אמאל געזאגט דער **בית אברהם פון סלאנים** זצ"ל: "ווען א מענטש זעצט זיך לערנען **און ער וויל אז די תורה זאל אים דערלייכטן**, איז אים די תורה מודיע אלע זיינע פארגרעבטקייטן".

## דורכברעכן דעם שאלאכטס

אויף אן אנדערע פלאץ שרייבט דער הייליגער **מאור עינים**[3] אז מיר ווייסן דאך אז אין דער תורה איז באהאלטן א פארבארגענער 'אור הגנוז'. וואס איז דער 'אור הגנוז' פון דער תורה?! **דאס מיינט אט די ליכטיגקייטן וואס שיינט אריין אין א איד וועלכער לערנט תורה מיט א ריינע כוונה!** דער 'אור הגנוז' פון דער תורה הייבט אויף זיין גאנצע מהות, צו קענען לעבן מיט מער ערליכקייט און מער יראת שמים.

דאס איז פונקט ווי מ'זעט ביי יעדע זיסע פרוכט, אז ס'איז דא דערויף א שאלאכטס וועלכע נעמט ארום דעם עיקר פון דער פרוכט וואס געפינט אונטער דעם. כאטש וואס דער שאלאכטס איז זייער וויכטיג צו אפהיטן די פרי, איז אבער **די הויפט כוונה צו דורכברעכן דעם דרויסנדיגן שיכט און אנקומען צום עיקר וואס ליגט אינעווייניג.** מ'דארף אראפנעמען די אלע ארומיגע זאכן כדי צו קענען עסן די זיסע פרוכט וואס איז דארט באהאלטן.

דאס זעלבע איז ביי לימוד התורה: די עבודה פון א איד איז זיך צו באהעפטן צו די אינערליכע קדושת התורה. **דעריבער דארף מען דורכברעכן אלע סארט לימודים וואס מען האט דערביי אינזין פארשידענע אויסערליכע חשבונות.** די אלע זאכן זענען בלויז די דרויסנדיגע שיכט פון די ריכטיגע תורה. **א איד דארף וועלן דערגרייכן אנצוקומען צו דער באהאלטענער אור וואס ליגט אין די תורה הק'**, וואס אט די זיסע תורה האט דעם כח צו איבערדרייען דעם גאנצן מענטש!

י

# ולומדי תורתיך לשמה; די תורה וואס ראטעוועט דארף זיין 'תורה לשמה'

## די גרויסע הבטחה איז אויף 'תורה לשמה'

וויאזוי קען מיר זיך טאקע באמת מדבק זיין צו דער תורה הק' אויף אן אופן אז די תורה זאל אונז באלייכטן דעם וועג, און אונז ברענגען די כוחות הנפש?

די תשובה דערויף געפינען מיר שוין אין די רייד פון די ראשונים כמלאכים. דער **ריטב"א** (כתובות עז:), אויף די די ווערטער פון חז"ל (סוטה כא.) אז די תורה באהיט פון עבירות אפילו ווען מ'לערנט שוין נישט, לייגט צו א וויכטיגע תנאי: '**לעוסקים בה לשמה**' - דאס איז בלויז פאר די וואס זענען עוסק אין 'תורה לשמה'[4].

אייגנטליך שטייט שוין אזוי קלאר אין רש"י הק' (שבת סג. באופן ב')[5] אז דאס איז די כוונה פון חז"ל **'למיימינים בה נעשה סמא דחיי ולמשמאילין בה נעשה סמא דמותא'**, ד.ה. אז טאמער מען לערנט 'תורה לשמה' איז די תורה ווי א רפואה פון לעבן, אבער אויב מען לערנט ח"ו 'תורה שלא לשמה' האט דאס דעם פארקערטן אפעקט, חלילה.

אט דער גרויסער יסוד ווערט גאר אסאך גע'חזר'ט אין די **ספרים הק'**, איבערהויפט אין די **ספרי תלמידי בעש"ט**, וועלכע שרייבן אלע, יעדער ספר לויט זיין סגנון, אז כדי די תורה זאל האבן די ריכטיגע כוחות קעגן דעם יצה"ר דארף דאס געלערנט ווערן אין א דרגה פון 'תורה לשמה'! **מען זאל נישט לערנען פאר די אייגענע הנאה, בענעפיט אדער כבוד, נאר כדי צו מקיים זיין דעם רצון ה'** און צו ברענגען א נחת רוח פאר'ן באשעפער.[6]

## 'תורה לשמה היט אפ אפילו נאכן לערנען

די **גמרא** אין מסכת סוטה (שם) ברענגט די מימרא פון **רב יוסף**, אז אלע מצוות התורה היטן אפ דעם איד פון עבירות, בלויז אין דער צייט ווען ער איז עוסק אין דער מצוה. אבער לימוד התורה איז אן אויסנאם: **עס היט אפ דעם מענטש, אפילו אין דער צייט וואס ער לערנט נישט.**

פרעגט דארט רבא: מיר זעען דאך ביי 'דואג' און 'אחיתופל', אז טראצדעם וואס זיי האבן געלערנט גאר אסאך, פונדעסטוועגן האט די תורה זיי נישט באהיטן פון קיין עבירות? דעריבער זאגט רבא אז די תורה האט טאקע יא בלויז דעם זעלבן כח אזויווי מצוות, אז זי באהיט א איד נאר אין דער צייט וואס מ'איז עוסק דערינען.

אבער דער **אור החיים הק'**[7], אין דעם זיבעטן פשט פון די 42 פשטים אין אנהויב **פרשת בחוקותי**, זאגט אויף דער גמרא, אז באמת היט די תורה יא אפ דעם מענטש, **אפילו אין דער צייט וואס מ'לערנט נישט.**

די סיבה פארוואס ביי דואג ואחיתופל האט זיי די תורה נישט געהיטן, איז געווען **וויבאלד זיי האבן נישט**

---

ולעשות לאהבה את ה' ולעבדו, ואם ככה לעיכובא דוקא כדבר הזה יעשה האדם וחי בהם חיי עולם, ועל זה אמרו רבותינו ז"ל אם אבן הוא נימוח וכו'." וע"ע **במאור עינים** (האזינו ד"ה ביום ההוא).

**2. זוהר הקדוש** (ויקרא כג:): "מאן דקאים בלילא למלעי באורייתא, אורייתא מודעת ליה חוביה, ולא באורח דינא, אלא כאימא דאודעה ליה לברה במלה רכיך".

**3.** עי' **מאור עינים** (צו ד"ה וידבר ה' אל משה, חקת ד"ה וידבר ה' אל משה) דעל זה נאמר 'המאור שבה מחזירו למיטב' דהיינו האור הגנוז שבתורה.

**4. ריטב"א**: "אורייתא אפילו בעדנא דלא עסיק בה מגינא ומצלי - לעוסקים בה לשמה". וכן נראה מפשטות ה**משנה** באבות (פרק ו,א) "רבי מאיר אומר כל העוסק בתורה לשמה זוכה... ומרחקתו מן החטא".

**5.** ד"ה למשמאילין בה: "מיימינין בה עוסקים לשמה, משמאילים בה שלא לשמה". וכ"כ בבעל הטורים (בראשית ד, יד).

**6.** כן מבואר **באור החיים הק'** (מובא לקמן), ובספרי **החיד"א** (דברים אחדים דרוש יט, נחל קדומם בראשית אות כא), תורת חיים (בבא מציעא פה:), **נזר הקודש** (ב"ר סה ה ד"ה ונינו), **חתם סופר** (חידושים על מס' נדרים פא. ד"ה שאין), ועי' **מדרש שמואל** (אבות פ"ו מ"ב ד"ה ונותנת), וכן מבואר בהרחבה **במאור עינים** (יתרו ועוד כמה מקומות), **רב ייבי** (מובא לקמן), **יסוד העבודה** (חלק ב פרק א אות א ובסוף אות ד), **דברי יואל** (הרבה מקומות), ובעוד הרבה ספרי חסידות. ובספר **עיני כל חי** (להגר"ח פאלאג'י ז"ל, ב"ב טז. ד"ה אף אתה) מבאר הטעם: "כי כל עוד שימצא בתוך לימוד תורה חלק ליצר הרע בתוכו, אין כח בתורה ההיא לכוף ליצר הרע", עיי"ש שהביא הסיפור מרב א' (ידוע שהיה עם הבעש"ט) שבא לביהמ"ד והוכיח הלומדים שהביהמ"ד מלא עם התורה שהם לומדים, וכוונתו היה שהתורה לא פורחת לעילא. [וכידוע שכ"ז דלא כדעת הגר"ח מוואלאזין זצ"ל, עי' **בנפש החיים** (בפרקים שבין שער ג' לשער ד', ובשער ד'), ועי' **ברוח חיים** (אבות פ"ב מ"א) שכ' דגם בתורה שלא לשמה, אם לומד בקביעות כן, יש בו הסגולה כנגד היצה"ר ואם ברזל הוא מתפוצץ. אולם בכל ספרי תלמידי הבעש"ט מבואר להיפך].

**7.** אחר שמבאר שצריך ללמוד תורה לשמה, דהיינו לא לקנטר ולא להתכבד, ועל זה קאי 'אם בחקותי תלכו ואת מצותי', כתב לפרש המשך הכתוב: "אז

יעדער ווערט א 'מְזַכֶּה'!

**געלערנט לשמה.** זייער תורה איז געווען 'משפה ולחוץ', און אזא תורה איז טאקע נישט מגין פון דעם יצר. אבער אויב א איד לערנט יא תורה מיט די ריכטיגע כוונה, **דאן טוט דאס אים אפהיטן פון עבירות, אפילו ווען ער האלט שוין נישט אינמיטן לערנען!**[8]

## ווען מ'איז זוכה צו לערנען לשמה איז דאס א תבלין

אויך דער ספה"ק **'רב ייבי'** פון הרה"ק רבי **ייבי מאוסטראה** זי"ע[9] פרעגט די אויבנדערמאנטע קשיא: אויב חז"ל זאגן אונז אז די תורה איז א תבלין פאר'ן יצר הרע, וויאזוי זעען מיר אז נישט פאר יעדן איינעם העלפט דאס? ס'איז דאך דא מענטשן וואס לערנען תורה און דאך טוען זיי שלעכטע מעשים?!

נאר - זאגט רבי ייבי - די סיבה דערצו איז, **וויבאלד דער יצר הרע פארנארט זיי אויך ביים לערנען, אז זיי זאלן נישט לערנען 'לשמה'.** דערפאר ווערט פארטונקלט זייערע אויגן פון זען וואס עס ליגט באהאלטן אין דער תורה, אז די תורה זאל קענען זיין א תבלין פאר זיין יצר הרע.

אבער ווען דער באשעפער שיינט אריין אין דעם שכל פון א איד צו פארשטיין דאס גרויסקייט פון השי"ת, דאן קען דער מענטש זוכה זיין צו לערנען לשמה, און **דעמאלט האט זיין תורה דער כח צו זיין א תבלין קעגן דעם יצר הרע!** אזא תורה גיבט אויך פאר'ן מענטש א העכערע נשמה, וואס צייגט אים אן דעם גוטן וועג און עס ראטעוועט אים פון עבירות, עכ"ד.

## אלע עצות איז נאר צו ברענגען א ריכטיגע 'תורה לשמה'

לויט דעם זעלבן יסוד, שטייט אין ספה"ק **דברי יואל**[10] א ביאור נפלא אויף די באקאנטע גמרא פון מסכת ברכות (ה, עא): **"לעולם ירגיז אדם יצר הטוב על יצר הרע, נצחו מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, נצחו מוטב, ואם לאו יקרא קריאת שמע, נצחו מוטב, ואם לאו יזכיר לו יום המיתה".**

ס'איז באקאנט די וועלט'ס קשיא אז אויב די בעסטע עצה איז דער 'יזכיר לו יום המיתה', דאן פארוואס פעלט זיך אויס דער עוסק זיין בתורה, מ'קען דאך גלייך גיין צום 'יום המיתה'?!

נאר די אמת'ע פשט אין דער גמרא איז אינגאנצן אנדערש: **בעצם איז פארהאן בלויז איין איינציגסטע עצה קעגן דעם יצר הרע, די עצה פון עסק התורה!** אבער כדי אז די עצה זאל ארבעטן, דארף מען לערנען א ריכטיגע 'תורה לשמה'.

דעריבער אויב דער מענטש זעט אז זיין תורה ארבעט נישט, ווייל אפילו נאכ'ן לערנען איז ער נאכנישט מצליח צו מנצח זיין דעם יצר הרע, דאן איז דאס א סימן אז עפעס טויג נישט מיט זיין לערנען, ס'איז נישט די ריכטיגע תורה...

דערפאר דארף מען 'צולייגן' צום לערנען תורה, אויך דאס ענין פון 'קריאת שמע'. מ'דארף ביי זיך אריינברענגען אמונה מיט קבלת עול מלכות שמים, כדי אז מ'זאל אויפהערן טראכטן פון די אייגענע אינטערעסן, נאר מ'זאל לערנען בלויז פאר'ן באשעפער 'לשמה'. **אזוי וועט די אריגינעלע עצה פון תורה אים יא ראטעווען פון דעם יצר הרע.**

אויב דאס העלפט נאך אלץ נישט, איז דאס א צייכן אז דער מענטש ליגט צופיל אין גשמיות. זיינע תאוות ציען אים צו האבן פארשידענע פניות 'שלא לשמה'. דעריבער דארף ער ווידעראמאל 'צולייגן' צום לערנען תורה, אויך דעם ענין פון 'יזכיר לו יום המיתה'. דאס וועט אים ברענגען די ריכטיגע יראת שמים, כדי אז זיין תורה זאל ווערן געלערנט 'לשמה', און דעמאלט וועט דאס אים געבן די כוחות צו מנצח זיין דעם יצר!



# כי קרוב אליך הדבר מאוד; יעדער איד קען האבן שייכות מיט 'תורה לשמה' צו באקומען די כוחות קעגן דעם יצה"ר

## א טעות'דיגע געדאנק

דא קומט אבער אריין א קענטליכער פראבלעם, אז גאנץ אפט זענען די אלע ווערטער, איבער די ריכטיגע אופן וויאזוי תורה דארף געלערנט ווערן, נישט די ווערטער פונעם יצר טוב, נאר דער יצר הרע נעמט דאס פאר זיך...

דער יצר איז א מומחה צו נוצן די אלע אמת'ע דיבורים אז דער מענטש זאל מחליט זיין: הייסט עס אז איך האב נאך זייער א גרויסן לייטער פון מדריגות אויב כ'וויל אז מיין תורה זאל עפעס אויפטון. **ס'קוקט נישט אויס ווי איך פשוט'ער איד וועל אמאל אנקומען צו די הויכע דרגות פון 'לשמה'...** אלזא, האב איך נישט קיין שייכות צו דעם עצה פון לימוד התורה קעגן דעם יצר הרע. דאס באלאנגט פאר געהויבענע אידן! דערוויל דארף איך זיכן אנדערע עצות וויאזוי צו בייקומען מיינע נסיונות.

צדיקים האבן אונז אבער געלערנט אז אזעלכע סארט מחשבות איז א געפערליכע עצת היצר און ס'איז פשוט נישט ריכטיג, ווייל **באמת קען יעדער איינציגער איד האבן א שייכות מיט דעם ענין פון 'תורה לשמה' לפי מדרגתו**, און יעדער איינער קען זוכה זיין צו עררייכן שטאפלען פון לימוד התורה לשמה, וואס זאל אים דינען אלס א פאנצער קעגן דעם יצר.

די גרעסטע ראי' דערצו איז דער מציאות וואס חז"ל האבן אונז קובע געווען, אז יעדער איד, אפגעזען אין וועלכן מצב, דארף יעדן פרימארגן מאכן די ברכה און מתפלל זיין: 'ונהי' אנחנו... לומדי תורתך לשמה'. **סאיז נישטא אויף די ברכה קיין אויסנאמען און די ברכה איז נישט נתתקן געווארן בלויז פאר בני עלי'**, נאר דאס איז א תפלה וואס יעדער איד איז מחיוב צו בעטן, ווייל יעדער איד קען דארט אנקומען!

## 'תורה לשמה' באדייט אויך די ערשטע לייכטערע מדריגות

די ספרים הק' שרייבן כמה פעמים אז 'תורה לשמה' האט אין זיך אן קיין שיעור דרגות וואס מ'קען שטייגן דערינען אגאנץ לעבן. ווי ס'איז דאס לשון פון דעם ספה"ק **מאור עינים** (חידושים למס' פסחים ד"ה א"ר יהודה) אז **תורה לשמה פארמאגט מדריגות 'אין סוף'!** דעריבער האבן טאקע צדיקים געארבעט דערויף כל

'תשמרו ועשיתם אותם', מבטיח הכתוב שהגם שתבא עבירה לידו יהיה ניצול ממנה, וכאומרם 'תורה מגינא ומצלא' מיצר הרע... והגם שדרש רבא (סוטה כא.) בפסוק (תהלים נז, יא) 'כי גדול עד שמים חסדך', זה הלומד שלא לשמה אלא להתכבד, הטעם, לא שיש רצון הבורא בלימוד זה, אלא לתכלית היוצא ממנו שיבא ללמוד לשמה, ותורה זו אין בסגולתה להציל מיצר הרע בבא עבירה לידו. ובזה יש לתרץ מה שהקשו שם בסוטה לרב יוסף שאמר תורה בין בעידנא דעסיק בה בין בעידנא דלא עסיק בה מגנא ומצלא, 'אלא מעתה דואג ואחיתופל מי לא עסקו בתורה אמאי לא אגינא עלייהו'... לדברינו אין קושיא, שהם היו לומדים מתחלתם שלא לשמה, ואין כח בתורה כזו להגין עליו מיצר הרע". וע"ע **אוה"ח הק'** פר' שלח בפסוק וילכו ויבואו. וכעי"ז כ' **בעיון יעקב** (סוטה שם).

**8.** וכעי"ז מבואר ב**חתם סופר** (חידושים למס' נדרים פא ד"ה שלא ברכו) על פי דרכו בכמה מקומות דתורה לשמה פי' 'לשם התורה', דהיינו שצריך להיות כוונת הלימוד לא רק כדי לדעת ההלכה וכיצד לקיים המצוות, דזה רק לימוד לשם 'הכשר והכנה' למצוה, אלא שצריך להיות הלימוד לשם הלימוד בעצמו כדי לקיים מצות לימוד התורה שציוונו השי"ת 'והגית בו יומם ולילה'. ולכן, אם לומדים רק משום הכשר מצוה אזי לא עדיף ממצוה עצמה דמגינה רק בעידנא דעסיק ביה, אבל אם לומדים לשם התורה כדי לקיים מצות ה' שציונו ללמוד, אזי מגיני אף בעידנא דלא עסיק ביה, עיי"ש בדבריו. וע"ע בדבריו בביאור ענין תורה לשמה **בדרשות חת"ס** (שבת הגדול דרוש לב, ז' אב דרוש יא שנת תקע"ב).

**9. רב ייבי** (תהלים עה"פ ויראו אפיקי מים): "אמרו רז"ל בראתי יצה"ר בראתי תבלין היא התורה שהיא תבלין כנגד היצה"ר, והנה אנחנו רואים שלא לכל אדם מועיל תורה שהיא תבלין, כי יש בני אדם לומדי תורה נמצא שיש להם תבלין ואף על פי כן עושים מעשים רעים, אלא בשביל שהיצה"ר מטעה את האדם גם בלימוד התורה שאינו לומד לשמה, לכן נחשכו עיניו ונסתם לבו מלהבין יסוד התורה שתהיה התורה אצלו תבלין להפרישו מן האיסור אבל כשהשי"י מאיר שכלו של אדם להבין גדולת בוראנו אז בודאי זוכה ללמוד לשמה ויגלה לו מוסדות תבל היא התורה שנקרא תבלין ויציל אותו מן היצה"ר... כיון שלומד אדם התורה לשמה השי"י בעזרו להציל אותו מן


הייבט יעצט אויף
א טעלעפאן צו
טהור עינים!
845.999.4114

חדשי העינים קאמפיין תשפ"ד




מזכה

$25 לחודש

$360
2000 גליונות

$600
עמוד בגליון

845.999.4114

הייבט יעצט אויף
א טעלעפאן צו
טהור עינים!

NUAH 845.513.0001

# יעדער ווערט
# א מְזַכֶּה!

מיט $25 לחודש.

פאר אייך אליין!

פאר אייערע קינדער!

פאר אייערע חברים!

פאר גאנץ כלל ישראל!

## זיי צו העלפן זיך היטן די אויגן!

ימי חייהם, און זיי האבן אלעמאל געהאלטן אז זיי זענען נאכנישט אנגעקומען געגוג מיט די עבודה פון 'לשמה' - צו מיינען אמת'דיג דעם רבש"ע בשלימות ממש אן קיין שום פניות.

אבער גלייכצייטיג - האבן צדיקים געלערנט - איז אויך פארהאן די ערשטע און קלענערע שטאפלן פון 'תורה לשמה', וואס ווערט אויך אנגערופן 'לשמה', פאר יעדן מענטש לויט זיין יעצטיגן מציאות און מצב. און דעריבער איז קלאר, אז **יעדע קליינינקייט וואס א איד טוט צו פארבעסערן זיין תורה, איז דאס א געוואלדיגע תועלת אז די תורה זאל אים טאקע ווייזן דעם ריכטיגן וועג** און דערלייכטן אין זיינע נסיונות.

## דאס וויכטיגסטע; אוועקגיין פון גראבע 'שלא לשמה'

צום אלעם ערשטן, שטייט אין אלע ספרים הק', אז א איד דארף זיך זייער שטארק דערווייטערן פון די ארגסטע דרגא אין 'שלא לשמה' וואס קען ח"ו ווערן ממש א 'סמא דמותא'. צום ביישפיל, אויב מ'לערנט מיט כוונות פון 'לקנתר', 'שקר', 'להתכבד בקלון חבירו', 'לקפח את חביריו בהלכה', 'מגלה פנים מתורה שלא כהלכה', א.ד.ג. וואס אויף אזא תורה פסק'נט **די ראשונים**[11] אויף עטליכע פלעצער אין ש"ס אז ס'איז דערויף געזאגט געווארן **'נוח לו שלא נברא'**. דאס איז חלילה א סם וואס קען פירן דעם מענטש נאך נידריגער אין זיינע פאלשע וועגן.[12]

נאכדעם וואס א איד שאקלט זיך אפ פון די סארט שלעכטע חשבונות, **האט שוין אצינד זיין תורה א געוואלדיגע חשיבות.** ער קען יעצט אנהויבן שפאנען אויף דעם 'דרך המלך' אז די תורה זאל האבן דעם כח אים צו הייליגן און באלייכטן! ער קען שוין אנהויבן נוצן די עצה פון לימוד התורה קעגן זיינע נסיונות.

## קאשויער רב וויינט אויף דער עלטער

עס ווערט פארציילט[13] אויף הגה"ק רבי **שאול בראך** זצ"ל, דער קאשויער רב, אז אויף די עלטערע יארן האט אים זיין זון אמאל געטראפן אין א ווינקל וויינען זייער שטארק. אויף די וואונדער פון זיין זון, האט דער קאשויער רב זיך מתרמר געווען אז ער האט זיך מתבונן געווען און געזען אז ער איז שוין אן אלטער איד אבער ער האט נאכנישט געלערנט אין זיין גאנץ לעבן קיין תורה לשמה.

דער זון איז געווארן זייער צעשאקלט צו הערן אזעלכע ווערטער פון דעם גרויסן גאון וקדוש, וועלכער האט עוסק געווען בתורה כל ימיו מיט מסירת נפש, האט ער זיך אנגערופן: דער טאטע שטייט דאך אויף יעדע נאכט שוין א שעה איידער חצות און לערנט ברציפות ביז אינדערפרי, און דערנאך דורכאויס דעם גאנצן טאג איז נישט מפסיק פון לערנען; אויב דאס הייסט נישט געלערנט תורה לשמה, איז דער טאטע מחייב די גאנצע וועלט, ווייל ווער האט דען יא געלערנט תורה לשמה?!

ווען דער קאשויער רב האט געהערט זיינע ווערטער האט ער זיך פארטראכט, און דאן האט ער זיך אנגערופן צום זון: "אין הכי נמי, תורה 'שלא לשמה' האב איך נאך קיינמאל נישט געלערנט, אבער אויך תורה 'לשמה' האב איך נאך קיינמאל נישט געלערנט!"

## אוועקלויפן פון אומאויסגעהאלטענע 'שלא לשמה'

דער גרויסער גאון וצדיק האט דאס טאקע געזאגט מחמת רוב ענוותנותו, אבער אין די ווערטער ליגט א טיפן לימוד און דערהערונג אויף פאר אונז: אז הגם ס'איז טאקע דא זייער אסאך מדריגות אין לימוד התורה, ביז מ'קומט אן צו אן אמת'ע שטאפל אין 'לשמה'.

אבער אפילו אויב מ'האלט נאכנישט ביי 'לשמה', איז דא א באזונדערע חיוב אז **לכל הפחות זאל מען זיך דערווייטערן און פרובירן זיך אפצושיידן פון דעם 'שלא לשמה'!**

עס ליגט אויף אונז זיך צו אפשאקלען צוביסלעך פון די אפענע שלא לשמה'דיגע חשבונות בשעת מען לערנט, און **יעדע ריר פאראויס וואס מ'גיט זיך אין דעם ענין, האט אן אומשאצבארער ווערד!**

## די העכערע מדריגה פון 'תורה לשמה'

דאן איז דא דער קומענדיגער שטאפל: נאכדעם וואס א איד איז זוכה אז זיין לערנען זאל נישט זיין קיין דירעקטע 'שלא לשמה', **דארף מען אודאי' אלס גיין העכער**, מיט'ן ציל צו דערגרייכן 'תורה לשמה' אויף וויפיל ס'איז שייך לויט אונזער מדריגה.

די פשוט'ע אפטייטש פון תורה לשמה, איז ווען די כוונה פון לערנען איז נאר צו ברענגען א נחת רוח פאר השי"ת, נישט פאר קיין אייגענע אינטערעסן, נישט פאר קיין כבוד אז מענטשן זאלן אים ארויפקוקן און האלטן פאר א ת"ח אדער פאר אן ערנסטער איד וואס האט 'קביעות עתים', און נישט פאר די אלע אנדערע סארט חשבונות וואס דער יצר הרע ברענגט פאר'ן מענטש אז דער זאל לערנען צוליב דעם.

געוויס איז דאס שוין א גרעסערע עבודה, וואס כדי אנצוקומען דארט דארף מען זיך אסאך אויסארבעטן מיט עבודה און תפלה.[14] **אבער אפילו לגבי אט די מדריגה פון 'תורה לשמה' האבן אונז צדיקים געלערנט די ריכטיגע מהלכים וויאזוי דאס האט פאקטיש יא א שייכות מיט יעדן איד!** און וויאזוי יעדער איינער, בכל מצב שהוא, קען יא זוכה זיין צו באקומען די לעכטיגע כוחות וואס תורה לשמה ברענגט פאר'ן איד, זיך צו שטארקן קעגן דעם יצר הרע.

יב

# כך הוא דרכה של תורה; לערנען מיט אן השתדלות אויף אהבת ה' ווערט פאררעכנט אלס 'תורה לשמה'

## וויאזוי קען נתקיים ווערן 'לא נפלאת היא ממך'?!

ס'איז באקאנט אז דער הייליגער **יסוד העבודה פון סלאנים זצ"ל** האט מחבר געווען דעם גאנצן ספר 'יסוד העבודה' בלויז אויף דעם ענין, צו מברר זיין באריכות די סוגיא פון 'תורה לשמה'.

אין אנהויב פון דעם ספר איז דער יסוד העבודה מעתיק אלע לשונות פון ש"ס ומדרשים, און פון די ראשונים, אז **'תורה לשמה' איז א דאורייתא'דיגער חיוב אויף יעדן איד**, און דאס איז אין כלל פונעם מצוות עשה דאורייתא פון אהבת ה' אז א איד דארף לערנען די תורה ווייל ער האט ליב דעם רבש"ע און ער וויל אים מאכן א נחת רוח.

נאכ'ן אראפברענגען די אלע יסודות, פרעגט אבער דער יסוד העבודה די קשיא:

מיר ווייסן דאך אז השי"ת קומט נישט 'בטרוניא עם בריותיו', און די תורה הק' זאגט אונז: **'כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחקה היא... כי קרוב אליך הדבר מאוד, בפיך ובלבבך**

---

היצה"ר... גם ע"י התורה זוכה אדם לנשמה ממדריגה עליונה והנשמה טובה מדריכה את האדם לילך בדרך טוב ומציל את האדם מן החטא שלא יציית ליצה"ר בשביל שזכה לנשמה שהיא חלק אלוק ממעל".

10. **דברי יואל** החודש-פקודי, שעד; החודש-תזריע, תיב; חקת תניינא, רנו.

11. **רש"י ותוספות** ברכות יז ע"א, **תוס'** פסחים נ ע"א, ועוד.

12. ע' **בדגל מחנה אפרים** (בשלח ד"ה א"י ויבואו מורתה) בשם ה**בעש"ט** זי"ע, בשם ספר **ברית מנוחה**, דיש אופן שהתורה נעשה מים המאררים ומקלקל את האדם הלומד.

13. **מפיהם ומפי כתבם** ח"ב קטו.

14. כמ"ש החת"ס (דרשות לראש השנה דרוש א): "כמה קשה להשיג זאת המדריגה, והשטן עומד תמיד על ימינו לשחת להפילו להסיתו ולהטעות לבבו לכמה מחשבות זרות, ולא יושג אלא לאיש אשר תמיד יראת אלוקים נגע בלבו כאש בוערה, יושב ודואג תמיד אולי אצא בזה מגדר כוונת האמת, ומתפלל ומיחל לה' ליישר דרכו לייחד ולכונן דיעותיו, ולכן מסיים התנא 'לפום צערא אגרא', כל המצטער יותר משיג יותר בעזרת ה'". ובדרוש כ"ב



יעדער ווערט א 'מְזַכֶּה'!

**לעשותו**', דאס הייסט אז יעדע מצוה קען מען מקיים זיין גרינגערהייט.

אויב אזוי, וויאזוי קען א איד צוקומען צו לערנען אזא תורה לשמה בלויז צוליב אהבת ה'? דאס איז דאך גאר א הויכע מדריגה וואס מיר זענען זייער ווייט דערפון? א מענטש דארף זיך דאך זייער אסאך אויסארבעטן, זיך מטהר זיין און דינען השי"ת, ביז ער קומט אן צו אזא שטאפל?![15]

## אונזער חיוב איז צו טון לכה"פ דאס ביסל "השתדלות"

נאר, שרייבט דער יסוד העבודה, א כלל גדול: דער חיוב וואס ליגט אויף א איד צו לערנען 'תורה לשמה' **איז נישט צו אנקומען גלייך צום שפיץ!** ווייל דאס איז דאך נישט שייך ביי געווענליכע מענטשן. דער גאנצער חיוב און דער ציווי פון השי"ת צו לערנען תורה לשמה איז בלויז **אז דער מענטש זאל טון זיין חלק פון 'השתדלות' אנצוקומען אהין.**

דער רבוש"ע פארלאנגט נאר פון א איד אז ער זאל אנהויבן פרובירן שטייגן אין דעם הינזיכט, ער זאל זוכן עצות און טון פעולות צו דערגרייכן נענטער צו דעם מדריגה פון לערנען צוליב אהבת ה'. און **אויב מען טוט אזוי דאן איז מען שוין מקיים דעם חיוב פון אהבת ה' און לימוד תורה לשמה, טראצדעם וואס מ'האט נאך א ווייטן וועג ביז'ן אנקומען צום שלימות!**[16]

די הייליגע ווערטער געבן אונז א נייע ליכטיגקייט אויף דער סוגיא, אז אלעמאל, אין יעדן מצב, קען א איד לערנען מיט א געוויסע דרגא פון 'תורה לשמה', אויב ער איז עוסק בתורה מיט א שטרעבונג און מיט א ציל צו דערגרייכן אהין. און דאס באדייט אודאי אז אויך **אזא סארט תורה טוט בעז"ה משפיע זיין פאר'ן מענטש די סגולות פון 'תורה לשמה**', אים צו באגלייטן מיט די כוחות הנפש קעגן דעם התגברות היצר.

## א 'שלא לשמה' וואס ברענגט צו 'לשמה'

אט דער זעלבער כלל געפינען מיר אין פילע ספרי תלמידי בעש"ט הק', וועלכע זענען דערמיט מסביר די גמרא (ברכות יז:, סנהדרין קה:) '**לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצוה, אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה**'.

די ספרים[17] ערקלערן אז די כוונה פון חכמינו ז"ל איז נישט אז א מענטש זאל אלעמאל לערנען לכתחלה'דיג 'שלא לשמה' און ער וועט שוין ממילא פון זיך אליין אנקומען צו לשמה. דאס קען נישט זיין פשט, ווייל **מ'זעט דאך קלאר אז ס'ארבעט נישט אזוי...** ס'איז ליידער פאראן מענטשן וואס לערנען אגאנץ לעבן שלא לשמה און זיי קומען קיינמאל נישט אן צום לשמה.

נאר די ריכטיגע באדייט פון דער גמרא איז אז **חז"ל געבן אונז דא א מהלך און א וועג**, אז א איד זאל לערנען תורה מיט אזא סארט 'שלא לשמה' וואס פירט און טראגט אים צו א 'לשמה'.

דאס הייסט אז טראצדעם וואס מ'האלט נאך אצינד אין דער מדריגה פון 'שלא לשמה', **זאל מען אבער אלעמאל פאקוסירן אויפ'ן ציל און אויף די שטרעבונג, אנצוקומען דורך דעם לימוד צו א מדריגה פון 'לשמה'!** מ'זאל אלעמאל לערנען מיט'ן חשבון און מיט די השתדלות אז 'שמתוך שלא לשמה בא לשמה', און דעמאלט וועט מען טאקע זוכה זיין דערצו.

ומדבריהם הק' למדנו, אז 'אין הכי נמי', טאמער מ'לערנט אן קיין העכערן ציל, און מ'פארלאזט זיך אז עפעס וועט שוין געשען פון זיך אליינס, דעמאלט איז טאקע פאראן שוואכע שאנסן אז אזא תורה זאל באלייכטן דעם מענטש... אבער אויב א איד פרובירט כאטש וויפיל ער קען צו אריינלייגן גוטע מחשבות ביים לערנען, און ער האפט אז דאס לערנען וועט אים ברענגען נענטער צו השי"ת, **דעמאלט איז דאס זייער חשוב ומרוצה אין הימל, און די תורה האט זיכער א כח צו באשיצן דעם איד פון די בייזע פגעי הזמן.**

אט דאס איז אונזער עבודה און אונזער אויפגאבע, צו משתוקק זיין און צו טון דאס ביסל וואס מיר קענען כאטש יא טון, אז אונזער תורה זאל צוביסלעך ווערן נאנטער צו א מדריגה פון 'תורה לשמה' בעז"ה.

## דער יצר הרע פון "אדער אלעס אדער גארנישט"

דער אמת איז אז אזא סארט מהלך איז צומאל שווער צו פארדייען... דער מענטש וויל דאס נישט מקבל זיין און פועל'ן ביי זיך. ווייל דער נאטירליכער אינסטונקט זאגט אונז 'אדער אלעס אדער גארנישט'... מען מאכט זיך דעם חשבון אז: "אויב קען איך אנקומען צו אן אמת'ע תורה לשמה, צו מיינען בלויז השי"ת, דעמאלט בין איך מסכים צו לערנען אזוי; אבער אויב קען איך נישט גלייך דערגרייכן אהין, דעמאלט איז עס גארנישט ווערד..."

פארשטענדליך אז דאס איז א טעות, ווייל אזוי ווי יעדע זאך אין לעבן איז אונזער עבודה נישט אנצוקומען גלייך צום העכסטן מדריגה. **דער רבוש"ע פארלאנגט בלויז פון אונז אז מיר זאלן זיך אנהויבן רוקן צוביסלעך.** אויך ווען דער מענטש איז נאכנישט ריין פון פניות און אייגענע הנאות, קען ער אבער יא אנהויבן וויינעגער טראכטן אין דעם ריכטונג פון די אומגינסטיגע מחשבות, און מער טראכטן פון מחשבות לשמה!

מיט יעדעס ביסל 'לשמה' וואס מ'לייגט אריין אינעם לערנען, אפילו אויב ס'איז נאכנישט בשלימות און מ'האט אויך אנדערע מחשבות, **איז דאס אבער א געוואלדיגער חילוק**. יעדעס ביסל וואס מען טראכט 'וויניגער' פון די אייגענע אינטערעסן און 'מער' פון דעם רבוש"ע, איז דאס **חשוב עד אין לשער!**

## בידינו הדבר; וויאזוי מיר אלע קענען דערגרייכן

יעדער איד, אין יעדע מדריגה, קען צוביסלעך זיך מער דערווייטערן פון לערנען מיט חשבונות פון כבוד און גאוה, און **ער קען אנהויבן מער טראכטן איבער דער גרויסער זכי' פון יעדעס ווארט תורה**, וואס מיר זענען זוכה דערמיט צו מאכן א נחת רוח פאר'ן גרויסן מלך מלכי המלכים, צו מקיים זיין עטליכע מצוות דאורייתא'ס און צו ווערן דבוק צו השי"ת דורך די תורה, ווי ס'ווערט אזויפיל ארומגערעדט אין אלע ספרים הק'.

וויפיל מער א איד טראכט און איז זיך מתבונן מיט אזעלכע סארט מחשבות, **אלס מער רוקט ער זיך נענטער צו דער מדריגה פון 'תורה לשמה'**, און אלס מער וועט ער בעז"ה זוכה זיין צו באקומען די שמירה און די סגולה פון דער קדושת התורה.

## 'מתוך' שלא לשמה; די קליינע 'לשמה'ס איז מרומם די גאנצע תורה

בנוסף לזה, איז מבואר אין **ספרים הק'**[18], אז די גמרא פון 'מתוך שלא לשמה בא לשמה', האט נאך א באדייט, אז ווען א איד איז זוכה צו לערנען אסאך תורה, איבערהויפט אויב מ'לערנט א לאנגע צייט ברציפות, דעמאלט וועט זיך אסאך מאל מאכן אז **אינמיטן לערנען וועט אים 'אריינפאלן' כאטש עטליכע מינוטן פון 'תורה לשמה'**, וואס דאס וועט אויפהייבן זיין גאנצע תורה.

דאס איז דער דיוק פון דעם לשון חז"ל '**מתוך' שלא**

---

כתב: "בוא וראה כמה תפילות צריך לזה לעסוק לשמה מבלי כוונה ופני' ח"ו, כי בעלי תורה עלולים לחטאים הרבה מאוד וכל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו (סוכה נב.) להשפילו לבאר שחת ח"ו ולהורידו עד שאול תחתית". ועי' בלשון יסוד העבודה (מבוא לקמן בסמוך).

**15.** ח"א פרק ב, אות א: "כיון דקימ"ל (ע"ז ג.) שאין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, ולא חִיֵּב את האדם על דבר שהוא אינו ברשותו, וזה הענין של אהבת ה' היא מעלה גדולה התלויה בהבנת הלב חכם ומשכיל ואינה נקנית לאדם במהרה, כי אם אחר כמה הכנות והשתדלות רב ושקידה רבה וטהרת התאוות ופרישות מעניני עולם הזה וטהרת המדות והתבודדות ועזר ה' אשר יחוננהו את הדעת הזאת להכיר את בוראו... והרי מעלה זו קשה מאד להשיגה, ואם כן איך שייך על דבר זה הצווי והחיוב על האדם שהוא עדיין רחוק מאד ממנו ואפילו מן הסבות המסבבים אליו את האהבה הנכבדה הזאת, והלא בפ' נצבים כתיב (דברים ל, יא-יד) 'כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וכו' כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו".

**16.** שם: "הצווי של אהבת המקום שבשביל גדלתו וכבודו, איננו כי אם על דרך השתדלות, מה שהאדם מחיוב להשתדל בהסיבות הנזכרים לעיל (עי' הערה הקודמות)" עיין שם באריכות. וכ"כ לקמן פרק ז אות ז: "...מזה אנחנו מבינים על כונת הכתוב מה שצוה לאהבה את ה' (דברים יא יג, כב, ל כ) וילפינן מזה (ספרי דברים פיסקא מא, מח, נדרים סב.) שאסור ללמוד התורה כי אם לשמה, היינו דוקא במי שאינו מצטער על דבר זה, במה שרואה את לבבו הקשה שמניח כבוד אביו שבשמים ומכון לכבוד עצמו, אבל האדם שהוא מצטער על דבר זה, וחופש עצות נאמנות במעשיו ובלבו כל יום, אשר על ידי זה יתקרב אל הצוה והמדה זו, ויזכהו שילדוד את התורה לשמה..... והרי שעיקר החיוב של לאהבה את ה' הוא על היגיעה ורוב השתדלות שישיג זאת לאהבה".

**17.** עי' **פרי צדיק** (ל"ג בעומר וסיום הש"ם אות ו) בשם הבעש"ט, **תולדות יעקב יוסף** (פ' שלח ד"ה ולי נראה לתרץ), **דגל מחנה אפרים** (משפטים ד"ה וכי תמכור), **בת עין** (משפטים ד"ה או יאמר ע"ז הדרך הנה), **זכרון זאת** (ליקוטים א'), **יושר דברי אמת** (דרך אמת אות ד), **יסוד העבודה** (ח"ב פרק א סוף אות ד),


845.999.4114
הייבט יעצט אויף א טעלעפאן צו טהור עינים!

**לשמה**; טאקע 'אינמיטן' פון דעם שלא לשמה וועט זיך אים ארייננכאפן אביסל 'לשמה', **א מינוט דא א מינוט דארט און צומאל אפילו מער דערפון!** דאס מאכט אז די גאנצע תורה זאל ווערן געהייליגט דורך דאס קליין ביסל צייט וואס ער האט זוכה געווען צו א מדריגה פון 'לשמה'.

דאס הייסט אז אפילו טאמער אויב בלויז א חלק פון דער תורה איז מיט א בחינה פון לשמה, **האט דאס שוין א געוואלדיגן כח צו דינען אלס א פאסיגער תבלין קעגן דעם יצר הרע.** זעלבסט פארשטענדליך אז וויפיל מער מ'איז זוכה צו לערנען תורה לשמה איז דער כח אלס שטארקער, אבער אויך **יעדעס ביסל תורה לשמה באגלייט און איז מרומם דעם איד.** מיר האבן בכלל נישט דעם מעסטער אפצושאצן דעם אויסטערלישן כח פון יעדע משהו 'תורה לשמה' וואס מ'כאפט אריין אפילו אינמיטן לערנען!

## קביעת הלימוד ברענגט מינוטן פון 'תורה לשמה'

אייגנטליך קען מען דאס אויך פארשטיין פון א פראקטישן קוק ווינקל; דאס מציאות איז ביי יעדן מענטש, אז טראצדעם וואס געווענליך איז זיין תורה נאך אויף א דרגא פון 'שלא לשמה', ווייל ער האט פארשידענע חשבונות מיט אייגענע פניות ביים לערנען, אבער אלעמאל מאכט זיך צייטן וואס ס'איז נישט דא דערביי די אלע חשבונות פון שלא לשמה; צי ווייל ס'קומט אים יעצט אן זייער שווער, צי ווייל קיינער זעט סייווי נישט אצינד, צי ווייל ס'איז ממש א קורצע צייט וואס וועט אים נישט ברענגען קיין כבוד אדער גשמיות'דיגע תועלת, און צומאל האט ער נישט דעם מוט און חשק צום לערנען, אדער דער קאפ איז אים נישט ביים לערנען, א.ד.ג.

אויב א איד איז געוואוינט צו לערנען מיט א שטארקן קביעות, און ער האט אלעמאל דעם שטרעבונג אז באמת וויל ער יא זוכה זיין צו לערנען לשמה, דעמאלט **איז לא ימלט אז ס'זאל אים נישט אונטערקומען אזעלכע זמנים און מצבים, וואס ער לערנט דעמאלט מיט עטוואס א העכערע מדריגה פון לשם שמים.** אדאנק דעם קביעות הלימוד וועט ער זוכה זיין צו לענגערע אדער קורצערע מינוטן פון 'תורה לשמה', מיט א כוונה לשם שמים!

## לסיכום; צו מאכן א קורצן סך הכל:

יעדער איד וואס לערנט די הייליגע תורה, אפגעזען אין וועלכע דרגא, ווילאנג זיין לערנען איז נישט חלילה מיט קיין מחשבות פון 'לקנתר' וכדומה, נאר זיין ציל איז אז די תורה זאל אים אויסאיידלן און אז ער שטרעבט אנצוקומען צו א תורה לשם שמים, **וועט אים די קדושת התורה זייער שטארק באגלייטן און ארויסהעלפן קעגן די התגברות היצר!**

נישט אומזינסט האבן רבותינו הק' מדור דור שטענדיג געפאדערט און מעורר געווען אז יעדער איד דארף האבן א פעסטע קביעת עתים לתורה, און אז דאס איז די בעסטע און שטארקסטע שמירה פאר'ן מענטש, אפילו אויב ער האלט נאכנישט אין די הויכע בחינות פון 'לשמה', ווייל **אויב לערנט מען אפילו מיט א שטיקל ריינקייט איז דא דערביי די הבטחה פון 'המאור שבה יחזרנו למוטב'**, יעדער לויט זיין מדריגה.

אין צוגאב דערצו דארף מען אלעמאל געדענקן, אז די קדושת התורה ווערט נקנה ביים מענטש באופן הדרגה. **מיט יעדע מחשבה טובה מער, מיט יעדע ריינע כוונה מער, אלס מער כוחות באקומט מען קעגן דעם יצר הרע.** אויך אויב מ'האלט נאכנישט ביים הויכן שטאפל פון 'לשמה', איז אבער א גרויסער נפקא מינה 'וויאזוי' מען לערנט, ווייל יעדע קליינע מחשבה מאכט א געוואלדיגע דיפערענץ לטובה.

וויפיל אנדערש איז דער לימוד התורה, ווען מען האט האט אינזין געהאט מיט כוונה ביי ברכת התורה דעם "ונהי' אנחנו... כלנו יודעי שמך ולומדי תרתיך לשמה"! איידער מ'זעצט זיך לערנען קען מען אויך זאגן דעם קורצן נוסח וואס דער של"ה הק' האט מתקן געווען, אזוי אויך איז דא א נוסח פון דעם הייליגן בני יששכר צו זאגן פאר'ן לערנען: "יהי רצון שנזכה ללמוד לשמה, לשם יחוד קב"ה ושכינתי' לעשות נחת רוח להבורא יבתרך שמו".

מיט אזא צוגאנג צום לערנען הייבט מען געוויס אויף די רפואה פון דער תורה אז ס'זאל זיין א פאסיגע שמירה פונעם יצר הרע, ווי הגאון הצדיק רבי **בנימין ראבינאוויטש** זצ"ל פלעגט זאגן ווען ער האט גערעדט פון דער סגולת התורה[19]: **"אויב מ'האט אינזין פאר'ן לערנען אז מ'וויל לערנען לשמה, און כל שכן אויב מ'זאגט שטענדיג א קורצע תפילה דערויף איידער מ'זעצט זיך לערנען, דעמאלט איז מען ממשיך אויף זיך א גאר גרויסע קדושה און מען באקומט אין דער האנט דעם 'כלי זיין' צו מלחמה האלטן קעגן דעם יצר הרע!"**.

המשך אינעם קומענדיגן גליון:

**אמת ואמונה** (קאצק), ועוד הרבה.

**18.** ע' **בנפש החיים** (בפרקים שבין שער ג' וד' - פרק ג): "הבטיחו רז"ל שמתוך שלא לשמה בא לשמה, כי אין הפירוש דוקא שיבא מזה ללשמה עד שאח"כ יעסוק בה תמיד כל ימיו רק לשמה, אלא היינו שבכל פעם שהוא לומד בקביעות זמן כמה שעות רצופים, אף שדרך כלל היתה כוונתו שלא לשמה, עכ"ז בלתי אפשר כלל שלא יכנס בלבו באמצע הלימוד עכ"פ זמן מועט כונה ראויה לשמה, ומעתה כל מה שלמד עד הנה שלא לשמה נתקדש ונטהר ע"י אותו עת קטן שכיון בו לשמה" עכ"ד.

הנה מ"ש דזהו 'הבטחה' מחז"ל, מבואר בספרי חסידות דאין כאן הבטחה רק 'שיתכן' שיהיה כן, אם לומד כמו שצריך ללמוד כדי להגיע לדרגת לשמה, ע' **יסוד העבודה** (ריש חלק ב') ועוד. וכעי"ז מבואר **בדברי יואל** (ויחי תקלז) על הא דאמז"ל לעולם יעסוק וכו': "בפשטות אפשר דהלומד תורה אף אם אין כוונתו זכה לשמה, ומכווין גם כוונה פני' אחרת, מ"מ באמצע לימודו מגיע לו לפעמים מחשבה טובה וקדושה, ואף שאינו נשאר ומתקיים בזה המדריגה ונופל ממנה אבל סוף סוף יביאהו זה המחשבה קדושה לבחי' לשמה. ואפשר לרמוז זה באמרם ז"ל 'מתוך' שלא לשמה בא לשמה, היינו בתוך ובאמצע לימודו יהיה לו מחשבה טובה, וזה יביאהו אח"כ לידי לשמה".

**19. עבודת בנימין** עמ' תמא.


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך
845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג
7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org
המערכת בלשה"ק 077.401.6591
כתובת המערכת בשה"ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528
המערכת בענגליש: 732.532.2242
המערכת בספאניש: 054-115-219-8810
"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדזשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
845.999.4114 #1-9

## על הטוב יזכר

### זכות עמוד בגליון

הר"ר **יואל** בר"מ **גאלדשטיין** הי"ו
~
הר"ר **אליקים פייערשטיין** הי"ו
~
הר"ר **חיים אלעזר האראוויץ** הי"ו לרגל אירוסי בנו למז"ט
~
לע"נ הרה"ק רבי **לוי יצחק** בן **שרה סאשא** זצוק"ל

### זכות 2000 גליונות

הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו / הר"ר **יוחנן מאנן** הי"ו - לרגל נישואי בתו למז"ט ולע"נ אביו הרה"ח ר' **חיים זאב** בן ר' **חנני' יו"ט ליפא** ז"ל / הר"ר **חיים יודא אליעזר יאקאבאוויטש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט / הר"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו - לע"נ האור החיים הק **רבינו חיים** בן ר' **משה** זי"ע / **בחור מישיבה** - שקיבל הרבה חיזוק מהגליון

### זכות 1000 גליונות

הר"ר **יצחק אליקים שווארטץ** הי"ו - לרגל נישואי בנו למז"ט / הר"ר **אברהם משה לעבאוויטש** - לזכות **אברהם משה** בן **ברכה** / הר"ר **חיים גליק** הי"ו - לרגל הולדת בתו למז"ט / הר"ר **יעקב זאב כ"ץ** הי"ו - לרגל נישואי בתו למז"ט / הר"ר **יואל קלאר** הי"ו - לרגל הולדת בנו למז"ט / הר"ר **יעקב הערש פערל** הי"ו - לרגל נישואי בתו למז"ט / הר"ר **אביגדור מערמעלשטיין** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט / הר"ר **יצחק אהרן פילאפף** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט / הר"ר **יואל בראו"י ווייס** הי"ו / הר"ר **וואלף ליכטנשטיין** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט / הר"ר **משה הערש סופר** הי"ו - לרגל אירוסי בנו הבה"ח **שמואל בנימין** ני"ו למז"ט / הר"ר **זלמן לייב גראסבארד** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למז"ט / הרה"ג **שלמה אליעזר שפיטצער** שליט"א - לרגל אירוסי בנו למז"ט / הר"ר **יששכר עפשטיין** הי"ו / הר"ר **זילא שפיטצער** הי"ו - לע"נ הגה"ח ר' **אהרן משה** בן ר' **מרדכי זאב** ע"ה מירושלים עיה"ק / הר"ר **שלום יוסף לעווינגער** הי"ו - לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצות / הר"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו - לע"נ אמי מורתי מרת **פרידא צפורה** ב"ר **נפתלי** ע"ה / הר"ר **יואל** ברב"י **ווייס** הי"ו - לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצות / הר"ר **דוד יושע הירש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט / הר"ר **חיים משה וויינער** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למז"ט

### ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
מוה"ר **הלל מאיר פריעדמאן** הי"ו
מעסקני טהור עינים
לרגל שמחת תגלחת בנו נ"י
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינו שיזכה לראות רב נחת מיוצאי חלציו ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.

### מודעה

אלע נדבנים פונעם היי יעריגן קאמפיין וועלן אי"ה ארייגעשטעלט ווערן אינעם גליון נאכן קאמפיין.
אזוי אויך אלע וואס ווערן א "מזכה" אויפן טעלעפאון פון $25 לחודש, אדער א נדבה פון העכער $300, וועלן באקומען דעם רייכן ביכל "תנה בני" אויף פאסט בס"ד.



א נסיעה האט פילע נסיונות אין שמירת עינים, איר דארפט האבן די כוחות און שטארקייט דערצו.
קויפט דעם וואונדערבארן
**נסיעה האנט בוך**
ארויסגעגעבן דורך "טהור עינים"
צו באקומען אין אלע ספרים געשעפטן
גרופעס, ישיבות, טראוועל אגענטן, רופט 802.327.3592
א נסיעה?

יעדער ווערט א 'מְזַכֶּה'!




אלו המושלים ביצרם (ב"ב עה:)

# ויאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## געוואָרן א בעלת תשובה אדאנק הייליגע בחורים

עס פארציילט הר"ר שרגא פרידמאן הי"ו, אין זיין ענגלישן בוך 'לעבן אויף קידוש ה'"

אן ערליכע בעלת תשובה האט געשילדערט איר לעבנס געשיכטע, וויאזוי זי איז געבוירן און אויפגעוואקסן אין א סביבה וואס איז ליידער געווען גאר ווייט און פרעמד פון יעדע סארט אידישקייט. די סיבה פארוואס זי האט זיך באקענט און ענדגילטיג צוריקגעקערט צו שמירת התורה ומצות איז געווען די שמירת עינים פון אפגעהיטענע בחורים!

אלעס האט זיך אנגעהויבן ווען זי אמאל ארויסגעקומען פון א לייבערי. פונקט זענען אריבערגעגאנגען א גרופע פון ישיבה בחורים וואס האבן אלע ספאנטאניש אוועקגעדרייט זייערע אויגן פון איר. זי איז געווען אזוי איבערראשט פון אזא באנעמונג, זייענדיג צוגעוואוינט צו פונקט דאס פארקערטע, אז זי האט זיך באלד צוריקגעדרייט צו די לייבערי און דארט אנגעהויבן נישטערן און זוכן איבער ארטאדאקסישע אידן, כדי צו פארשטיין בעסער וויאזוי די בחורים האבן אזא דערהויבענע שמירת עינים.

אט די זוכעניש האט איר למעשה געברענגט דעם לאנגען וועג, ביז'ן פירן פון א פולקאמע ערליכע אידענע. די קדושה פון די בחורים האט - אן זייער וויסן - אריינגעברענגט א לויטערע רוח תשובה און א דערווייטערטע נשמה!

(-)

## געראטעוועט פון טעראר אדאנק 'שמירת עינים'

א אינגערמאן פון ירושלים עיה"ק דערציילט:

איך וויל אייך מיטטיילן א געשיכטע וואס האט זיך אפגעשפילט מיט מיר זעלבסט, בערך איינס און האלב יאר צוריק.

פרייטאג פרשת יתרו תשפ"ג, איז פארגעקומען א שרעקליכע טעראר אטאקע ביי א באס סטאנציע אין דעם רמות אינטערסעקשאן, וואס האט ליידער געקאסט דאס יונג לעבן פון צוויי לעכטיגע קינדערלעך למשפחת פאלעי הי"ד, אינאיינעם מיט א חשוב'ער שנה ראשונה אינגערמאן ר' אלתר שלמה לעדערמאן ז"ל, מחשובי חסידי פינסק קארלין.

בשעת מעשה האב איך זיך געפינען אויף יענע גאס.



**אבער איך האב דאך נישט געוואלט גיין אויפ'ן באס, נאר דורכשפאצירן מיט די פיס. דאס באדייט אז אויב כ'וואלט דארט אריבערגעגאנגען וואלט איך זיך געפינען ממש אויפ'ן ארט פון דער אטאקע!**

איך האב געדארפט אנקומען צו דעם ריכטונג פון 'רמת שלמה', און כ'האב דעריבער געדארפט אריבערגיין יענעם באס סטאנציע. אבער כ'האב זיך געמאכט דעם חשבון אז ביי די סטאנציע שטייען אסאך מענטשן און ווארטן, דעריבער וועל איך אלס זהירות אין שמירת עינים ענדערש גיין אויף די צווייטע זייט פון דעם ראוד.

פונקט ווען כ'האב דורכשפאצירט אויף די אנדערע זייט גאס קעגן איבער, האט ליידער פאסירט די שוידערליכע טעראר אטאקע. ס'איז געווען א באזונדערער נס אז כמעט אלע מענטשן וואס זענען דארט פריער געשטאנען זענען ארויף אויף א באס געציילטע מינוט בעפאר, אבער איך האב דאך נישט געוואלט גיין אויפ'ן באס, נאר דורכשפאצירן מיט די פיס. דאס באדייט אז אויב כ'וואלט דארט אריבערגעגאנגען וואלט איך זיך געפינען ממש אויפ'ן ארט פון דער אטאקע!

דער רבוש"ע האט מיך געהאלפן אז מיין החלטה צו פארקירעווען דעם וועג, כדי זיך צו אפהיטן די אויגן, האט מיך געראטעוועט ממות לחיים ממש!

## באקומען באצאלט אלע קאר סערוויס קאסטן

א ריעל עסטעיט אגענט פון ארץ ישראל דערציילט:

אלס טייל פון מיין פרנסה, האב איך זיך כסדר געדארפט טרעפן מיט א גרויסן ערפארענעם לויער אין תל אביב. געוויינליך פלעג איך פארן מיט'ן באס, וואס איז אויסגעקומען די ביליגסטע אפציע.

אבער ווען ס'איז אנגעקומען די זומער טעג, האב איך זיך מתבונן געווען אין דעם הייליג ווארט פון הרה"ק רבי ר' בונם פון פרשיסחא זצ"ל, אויפ'ן פסוק (איוב לא, א): 'ברית כרתי לעיני, מה אתבונן על בתולה' - אז אויב מען היט זיך די אויגן אין די חדשים פון 'תמוז' און 'אב', וואס ווערט אנגערופן 'חדשי עינים', דעמאלט דארף מען נישט צוקומען צו אזא גרויסע תשובה אין דעם חודש אלול, וואס איז מזל 'בתולה'.

כ'האב זיך דעריבער געמאכט דעם חשבון אז צו פארן מיט'ן באס טויג נישט פאר די אויגן, און כאטש עס מיינט א שיינע מטבע - וואס כ'האב נישט געהאט - האב איך גענומען א טעקסי.

און ווי אינטערעסאנט; אין דעם זעלבן טאג איז צו מיר צוגעקומען א איד און געבעטן אזויווי איך פאר קיין תל אביב זאל איך מיטנעמען פאר אים א וויכטיגע פעקל און ער באצאלט די קאר!

עטליכע וואכן דערויף איז מיר נאכאמאל אויסגעקומען צו דארפן אריבערפארן אהין עטליכע מאל, דעמאלט בין איך שוין לכתחלה געפארן מיט א טעקסי. עטליכע טעג שפעטער, האט איך באקומען אן אומגערישטע מעלדונג פון א געוויסע קאמפאני אז זיי האבן אצינד באקומען געלט פאר מיר, וואס כ'האב זיך בכלל נישט געראכטן צו אמאל באקומען דאס געלט. און 'ראה זה פלא', ס'איז געווען גענוי די סומע וואס האט געדעקט די שפעזן פון די אלע נסיונות!




845.999.4114

הייבט יעצט אויף א טעלעפאן צו טהור עינים!



בעזהשי״ת
הערליכע
מתנה
פאר'ן
מזכה
הערליכע
מעשיות
אויף שמירת עינים פון אמאל
און היינט, ספעציעל געאייגנט פאר
עלטערן צו דערציילן
פאר די קינדער.
יעדער
'מזכה' וועט
באקומען
דעם זעלטן
הערליכן
נייעם ביכל
"תנה
בני" וואס
ערהאלט
אן אוצר פון
הונדערטער
אלע וואס ווערן א 'מזכה' אויפ'ן טעלעפאן וועט
מען אפשיקן די מתנה אויפ'ן פאסט
אלע אנגייענדע חודש'ליכע נדבנים, און אזוי אויך
אלע גרעסערע נדבנים במשכ'ן יאר, וועלן בס"ד
ערהאלטן דעם מתנה אויפ'ן פאסט
יעדער ווערט א מזכה!
הייבט יעצט אויף
א טעלעפאן צו
טהור עינים!
$600
עמוד בגליון
$360
2000 גליונות
מזכה
$25 לחודש
845.999.4114